# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................**7:43**
מוצאי שב"ק....................**9:12**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................שופטים י"ט-כ'
בבלי.........................זבחים ק"כ
ירושלמי..................ברכות ח'
תוספתא.......סנהדרין פרק י"א
רמב"ם..................שבועות י'


פרשת ראה, שבת ראש חודש, א' דר"ח אלול, שנת תשע"ח לפ"ק, אבות פרק ה' — שנה 7, גליון 46 (357)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה.** מוֹהַרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב), אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) **"הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ"** אַז עֶס אַ גְרוֹיסֶע כְּלָל אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן, אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, סֵיי בַּיי גֶעלְט זַאכְן, "צִי הָאבּ אִיךְ אוֹיף 'הַיינְט' צוּ עֶסְן?" " צִי הָאבּ אִיךְ אוֹיף 'הַיינְט' וָואס אִיךְ דַארְף?". מֶען דַארְף נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן וואוּ מֶען וֶועט הָאבְּן מָארְגְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הַיינְט גֶעהָאלְפְן וֶועט עֶר מָארְגְן אוֹיךְ הֶעלְפְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף נָאר טְרַאכְטְן פוּן 'הַיינְט', פוּן 'יֶעצְט'. וָואס מֶען קֶען יֶעצְט טוּן אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען דַארְף נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶעטוּן, וָואס גֵייט מֶען מָארְגְן טוּן. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן וָואס עֶס וֶועט זַיין, דֶער עִיקָר אִיז 'יֶעצְט', מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן יֶעצְט וָואס מֶען קֶען. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אַזוֹי, אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם'** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיבּ מֶען הָאט שֵׂכֶל מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן אוֹיף מָארְגְן, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וִוי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין, דַאן וֶועט עֶס זַיין, **בְּרָכָה** - אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער טָאג, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף מָארְגְן, 'הַיינְט אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן עֶפֶּעס טוּן", דֶעמָאלְט, **וּקְלָלָה** - וֶועט עֶס זַיין אַ פַארְשָׁאלְטֶענֶער טָאג.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג אוּן פִילְט עֶס אָן מִיט גוּטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט אִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, עֶס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה רְאֵה א')

***

**אֵת כָּל הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם, אֹתוֹ תִשְׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת, לֹא תֹסֵף עָלָיו וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ,** מוֹהַרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן ו') אַז וֶוען אַ אִיד וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען מִיט צְוֵויי וֶועגְן.

עֶר דַארְף ווִיסְן סֵיי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, וֶוען עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סֵיי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, וֶוען עֶר פַאלְט דוּרְךְ אִין עֲבֵירוֹת. וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט דַארְף עֶר ווִיסְן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין אִיבֶּער דִי מָאס, עֶר זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ טוּן זַאכְן וָואס דִי תּוֹרָה הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן, וַוייל אוֹיבּ עֶר וֶועט אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיף זִיךְ מֶער ווִיפִיל דִי תּוֹרָה ווִיל, וֶועט עֶר זַיין מֶער פוּן זַיינֶע כּוֹחוֹת אוּן עֶס וֶועט פְּלַאצְן. ווִי רַשִׁ"י זָאגְט: **לֹא תֹסֵף עָלָיו, כְּגוֹן חָמֵשׁ טוֹטָפוֹת בִּתְפִלִּין, חֲמִשָּׁה מִינִים בְּלוּלָב וְכוּ',** אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט צוּלֵייגְן מֶער ווִיפִיל דִי תּוֹרָה הָאט גֶעהֵייסְן.

אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען פַאלְט דוּרְךְ, דַארְף מֶען אוֹיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן, נָאר שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק. פוּן אֵיין זַייט, **לֹא תֹסֵף עָלָיו**, לֵייג נִישְׁט צוּ מֶער ווִיפִיל דִי תּוֹרָה הֵייסְט, וַוייל אוֹיבּ יָא וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם גָארְנִישְׁט טוּן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, **וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ**, נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ, וַוייל דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט דִיר שְׁוֶוער, דוּ בִּיזְט דוּרְךְ גֶעפַאלְן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶועגְן דֶעם אַלֶעם אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט גֵייסְטוּ אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וָואס וֶועט דִיר פִירְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(זֹאת הַתּוֹרָה רְאֵה ז')

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אָט אָט קוּמְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע פָארְכְטִיגֶע טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר, אָט אָט גֵייעֶן מִיר שׁוֹין שְׁרֵייעֶן בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף" מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת דִי וֶוערְטֶער: "וּתְשׁוּבָה, וּתְפִלָּה, וּצְדָקָה, מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה!" אוּן וֶוער עֶס אִיז קְלוּג וַוארְט נִישְׁט בִּיז מֶען וֶועט אִים אָנְשְׁרַייבְּן חַ"ו שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט עֶס דַארְפְן צֶעשְׁטֶערְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר עֶר הוֹיבְּט שׁוֹין אָן פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי דְרֵיי זַאכְן, מִיט תְּשׁוּבָה, תְּפִלָּה אוּן צְדָקָה, אַזוֹי אַז מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן צוּ מַאכְן אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת.

יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ אוֹיפְצְוֶועקְן פוּן דֶעם טִיפְן שְׁלָאף וָואס מֶען אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ בַּארֶעכֶענֶען וואוּ מֶען הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן צַדִּיקִים אַז וֶוען מֶען הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וֶוען דֶער חַזָּן הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער "רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל יִהְיֶה בְּיוֹם.." הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעכַאפְּט אַזַא צִיטֶער. בְּלוֹיז דָאס דֶערְמַאנֶען אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר זִיךְ אוֹיפְצְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן גְרֵייטְן צוּם נֵייעֶם יָאר

<<<<<<

## א גוט ווארט

אָן אֱמוּנָה אִיז מֶען פוּל מִיט חֲרָטָה גֶעפִילְן; מֶען עֶסְט זִיךְ אוֹיף כְּסֵדֶר טְרַאכְטְנְדִיג: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ אַזוֹי גֶעטוּן?' עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט בְּשֵׁם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עַיֵּין רֵאשִׁית חָכְמָה שַׁעַר הַיִּרְאָה, פֶּרֶק ג): "רְשָׁעִים מְלֵאִים חֲרָטוֹת", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (בַּעַל שֵׁם טוֹב עַל הַתּוֹרָה פַּרְשַׁת עֵקֶב, סִימָן י) אַז דֶער פְּשַׁט אִיז נִישְׁט אַז זֵיי הָאבְּן חֲרָטָה אוֹיף זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים בְּרוּחֲנִיּוּת, וַוייל אוֹיבּ הָאבְּן זֵיי חֲרָטָה אוּן טוּעֶן תְּשׁוּבָה אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת זֶענֶען זֵיי דָאךְ נִישְׁט קַיין רְשָׁעִים, נָאר דֶער פְּשַׁט אִיז אַז זֵיי זֶענֶען אַלְץ פוּל מִיט חֲרָטוֹת אוֹיף זֵייעֶרֶע גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע גֶעבְּרוֹיכְן, זֵיי לֶעבְּן נִישְׁט מִיט קַיין אֱמוּנָה, דֶערְפַאר עֶסְן זֵיי זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיף: 'אִיךְ וָואלְט גֶעדַארְפְט אַזוֹי טוּן'; 'אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעטוּן'; אַלְץ הָאבְּן זֵיי חֲרָטָה, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דַאן טְרַאכְט עֶר נִישְׁט צוּרִיק: 'אִיךְ וָואלְט גֶעדַארְפְט אַזוֹי טוּן'; 'אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹי גֶעטוּן'; וַוייל עֶר ווֵייסְט אַז אַזוֹי הָאט גֶעדַארְפְט זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' עֵקֶב תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן מַיין וַוייבּ זִי זָאל מִיר לָאזְן פָּארְן קַיין אוּמַאן?

***שְׁאֵלָה:***

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייבּ לָאזְט מִיר נִישְׁט פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּשׁוּם אוֹפָן, אִיךְ הָאבּ אִיר שׁוֹין אַלֶעס מַסְבִּיר גֶעוֶוען אוּן גָארְנִישְׁט הֶעלְפְט, אֶפְשָׁר הָאט אִיר אַן עֵצָה פַאר מִיר ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען אִיר אִיבֶּערְצֵייגְן מִיר צוּ לָאזְן פָּארְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ, יְהוֹשֻׁעַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד יְהוֹשֻׁעַ נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוענְדְט זִיךְ עֶס נָאר אִין דִיר, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דַיין וַוייבּ; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַ גַאנְץ יָאר אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דוּ וֶועסְט זַיין אִין שְׁטוּבּ אַ גַאנְץ יָאר אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן דַיין וַוייבּ זִיךְ צוּ פָּארֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר אַזוֹי ווִי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד רֶעדְט צוּ זַיין וַוייבּ, דַאן וֶועט זִי דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן, אַדְרַבָּה זִי וֶועט דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט פָּארְן קַיין אוּמַאן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט יָאר.

דִי וֶועלְט זָאגְט: "פַארְוָואס בְּלָאזְט דֶער שׁוֹפָר אַזוֹי גוּט רֹאשׁ הַשָּׁנָה? וַוייל עֶס לִיגְט אַ גַאנְץ יָאר אִין אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ" - דָאס זֶעלְבֶּע זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ: - "אַז מֶען ווִיל פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוענְדְט זִיךְ עֶס ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר; אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זֶען אוֹיף דִיר אַ גַאנְץ יָאר אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף ווִי אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג אוּן דוּ לֶעבְּסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט זִי דִיר נִישְׁט מְעַכֵּב זַיין פוּן פָּארְן קַיין אוּמַאן".

אַ וַוייבּ קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּנַארְן, דִי וַוייבּ אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מֶענְטְשׁ וָואס קֶען גָאר גוּט אִיר מַאן; עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרַיין דָא: 'מַסְבִּיר זַיין וָואס אוּמַאן אִיז וְכוּ'', דַיינֶע מַעֲשִׂים פוּן אַ גַאנְץ יָאר אִיז מֶער ווִי טוֹיזְנְט דְרָשׁוֹת אוּן הֶסְבֵּרִים וָואס אוּמַאן אִיז.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת שָׁלוֹם בַּיִת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג-רסד); מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיט דִי וַוייבּ. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר קְדוּשַּׁת הַבְּרִית - מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ; אוֹיבּ הָאט מֶען שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען לֶעבְּט מִיט

<<<<<<

>>>>>>

וָואס קוּמְט.

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה קַאבְּרִינֶער זי"ע פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט אֵיינְמָאל מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אִינְמִיטְן אִיז זַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "מֹשֶׁה'לֶע, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט חוֹדֶשׁ אֶלוּל, אוּן אֲפִילוּ דִי פִּישׁ אִין וַואסֶער צִיטֶערְן, אוּן דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ נָאךְ?!" וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיטֶערְן, אַז בִּיז הַיינְט שְׁפִּירְט עֶר נָאךְ דֶעם צִיטֶער, וַוייל זַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אוּן זִי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת אַז עֶס אִיז אִים אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם הַדִין, מֶען גֵייט אָנְשְׁרַייבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ פוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס גֵייט פַּאסִירְן מִיט אִים דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ גוּט צוּגְרֵייטְן מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן זְכוּתִים, אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן בְּסֵפֶר הַחַיִּים, מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

### מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט

מֶען דַארְף אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן וֶועם רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֶלוּל, מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט.. אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט"... אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט דִי אֶלוּל טֶעג, מֶען וֶוערְט פְרוּם פְרוּם, נִישְׁט מֶען לֶערְנְט אוּן נִישְׁט מֶען דַאוֶוענְט".

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֶלוּל, מֶען רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֶלוּל. נָאר מֶען דַארְף זֶען צוּ טוּן צוּ דִי זַאךְ, מֶען דַארְף זֶען צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס קֶען מֶען זֶען בַּיי מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה פַאר גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֶלוּל, אוּן זֶעצְן זִיךְ אַרַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הֵיילִיגְן חוֹדֶשׁ. דָארְט קֶען מֶען זֶען מַמָשׁ דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי נָתָן. מֶענְטְשְׁן זֶעצְן זִיךְ דָארְט אַרָאפּ אוּן מֶען זָאגְט עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן אִינְצְווִישְׁן קוּמֶען אָן בַּאזוּכֶער, לָאזְט מֶען גְלַייךְ אָפּ דֶעם תְּהִלִּים, אוּן מֶען לוֹיפְט זֶען וֶוער דִי פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען, אוּן מֶען בֶּעט שׁוֹין אַבִּיסְל שָׁלִיחַ-מִצְוָה גֶעלְט פוּן זֵיי, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען צוּרִיק צוּם תְּהִלִּים. פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט מֶען הוּנְגֶערִיג אוּן מֶען גֵייט זוּכְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען מִיד אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, אוּן אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער דֶער טָאג מִיט גָארְנִישְׁט. אוֹיסֶער עֶטְלִיכֶע יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס נוּצְן טַאקֶע דִי צַייט, אוּן זֵייעֶר מוֹיל הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ גֵיין מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ אַז דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֶלוּל בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר, אִיז דָא דֶעמָאלְט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, דִי זֶעלְבֶּע ווִי וֶוען מֶען עֶפֶענְט אוֹיף דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ, וָואס דֶעמָאלְט אִיז בַּאקַאנְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן וָואס מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, דִי זֶעלְבֶּע עֵת רָצוֹן אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִי גַאנְצֶע פֶערְצִיג טֶעג.

וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער פּוֹעֶלְ'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

### עֶס אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג צַייט

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן מִיט יִשׁוּב הַדַעַת, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ אֶלוּל צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי פִילֶע שִׁיעוּרִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן הָאבְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ. וֶוער עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ תַּנַ"ךְ, אַלֶע רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, תִּיקוּנֵי זֹהַר, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, הֲלָכוֹת פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיסֶער דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען הָאט שׁוֹין פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אִיז ווִי בְּלַייבְּט נָאךְ אִיבֶּער עֶפֶּעס צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דֶעם חוֹדֶשׁ?

מֶען זֶעט אַז אֲפִילוּ אִין דִי פְלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט צוּ זָאגְן "יוֹם כִּיפּוּר קָטָן" יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, זָאגְט מֶען עֶס אָבֶּער אִיבֶּעראַל עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֶלוּל, וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֶלוּל בַּאקוּמְט יֶעדֶער אִיד אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, יֶעדֶער ווִיל תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים

עֶס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אַ טַייטְשׁ וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים", אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֶלוּל. דָאס טָאר נִישְׁט מֶען זָאגְן, אַזַא טֵייעֶרֶע חוֹדֶשׁ וָואס אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלְס אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה אוּן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן דִי מַעֲשִׂים, קֶען מֶען עֶס נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן מִיט אַ וֶוערְטְל.

אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער טַייטְשׁ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס גֶעוִויסֶע ווִילְן אַיינְפִירְן אַ נֵייעֶ מִנְהָג אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט חֲתוּנָה אִין חוֹדֶשׁ אֶלוּל, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֶלוּל. דָאס קֶען שׁוֹין יָא זַיין אֱמֶת, אַזַא מִנְהָג שְׁטֵייט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, עֶס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה אוּן קֶעגְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶס וֶוערְט נִישְׁט דֶערְמַאנְט אִין קַיין שׁוּם פּוֹסֵק אַז מֶען זָאל נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן חוֹדֶשׁ אֶלוּל. פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דֶער חוֹדֶשׁ אִיז מְסוּגָל פַאר אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ פַאר חֲתוּנָה מַאכְן.

וואוֹיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נוּצְט אוֹיס דֶעם חוֹדֶשׁ ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַסַאךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אַוַודַאי דַארְף מֶען הִתְחַזְקוּת אוֹיף דֶעם אוֹיךְ, וַוייל אַסַאךְ מָאל נֶעמְט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ עֶנְדִיגְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין חוֹדֶשׁ אֶלוּל, אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן עֶס צוּ עֶנְדִיגְן אִינְגַאנְצְן, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט חוֹדֶשׁ אֶלוּל קֶען מֶען עֶס נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה קֶען מֶען נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז זֹאת חֲנוּכָּה וָואס אִיז נָאךְ אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אַזוֹי ווִי דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים שְׁרַייבְּן, מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי טֶעג, אוּן נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גוּט וֶועט קוּמֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר פוּל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק ב' וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אֱלוּל)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (ב)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע מַאכְט חֲתוּנָה דִי שְׁוֶועסְטֶער פוּנֶעם צַדִיק רֶבִּי יִצְחָק פוּן דְרוּבְּהִיטְשׁ זַ"ל, מִיט זַיין בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ"ל.**

ו

נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער אִיז פָארְגֶעקוּמֶען דִי חֲתוּנָה, אָבֶער גְלַייךְ נָאךְ דִי חוּפָּה אִיז רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ"ל פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן, אוּן זַיין פְרִישֶׁע וַוייבּ הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ עֶר אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען. זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אִיר הַארְץ אַז אִיר מַאן אִיז עֶרְגֶעץ פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיז זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן גֶעוואוֹיר צוּ וֶוערְן וואוּ עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ, אוּן זִי זָאל צוּרִיק קוּמֶען נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג.

דֶערְוַוייל הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעטוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וואוּ זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן בַּאהַאלְט זִיךְ, אוּן עֶר גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ אִים צוּ רוּפְן. וֶוען רֶבִּי נַחְמָן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אַזַא זַאךְ אִיבֶּערְצוּלָאזְן זַיין וַוייבּ גְלַייךְ נָאךְ דִי חוּפָּה, הָאט רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ"ל זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז זִי וֶועט הָאבְּן אַ קִינְד פוּן אִים, אוּן גְלַייךְ דֶערְנָאךְ וֶועט זִי שְׁטַארְבְּן, עֶר הָאט זֵייעֶר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִיר אוּן דֶערִיבֶּער עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן צוּ אַנְטְלוֹיפְן.

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעלָאזְט רוּפְן זַיין וַוייבּ, עֶר הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט וָואס אִיר מַאן הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אַ קִינְד אוּן נָאכְדֶעם וֶועט זִי שְׁטַארְבְּן, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר אַנְטְלָאפְן. וֶוען זִי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זִי גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ מַיין מַאן אִיז טַאקֶע אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק, עֶר זֶעט זַאכְן וָואס גֵייט פַּאסִירְן, דַאן ווִיל אִיךְ טַאקֶע הָאבְּן אַ קִינְד מִיט אִים".

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, רֶבִּי נַחְמָן אִיז צוּרִיק אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען, אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז בַּיי זֵיי גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִינְגֶל, וועמֶען מְ'הָאט אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן "שִׂמְחָה". וֶוען זִי הָאט גֶעבּוֹירְן דָאס קִינְד הָאט זִי זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, לָאז מִיךְ נָאךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט פַאר נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ, אִיךְ זָאל קֶענֶען אַבִּיסְל זֶען אוּן הַנָאָה הָאבְּן פוּן מַיין זוּן", אוּן אַזוֹי הָאט טַאקֶע פַּאסִירְט, זִי הָאט גֶעלֶעבְּט פַאר נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ, אוּן דַאן אִיז זִי אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט.

רֶבִּי נַחְמָן הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט נָאךְ אִיר, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז אַזוֹי ווִי זִי הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט צוּ לֶעבְּן פַאר נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ, וָואלְט זִי וֶוען גֶעקֶענְט פּוֹעֶלְ'ן אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל צוּ זַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה, וַוייל סְ'אִיז דַאן גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן, זִי וָואלְט אַלֶעס גֶעקֶענְט פּוֹעֶלְ'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ז

אַזוֹי ווִי רֶבִּי נַחְמָן אִיז גֶעבְּלִיבְּן יֶעצְט אַלֵיין מִיט זַיין נֵיי גֶעבּוֹירֶענֶעם קִינְד, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וֶוער סְ'זָאל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִים, נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע פְלֶעגְט אִים אַסַאךְ שִׁיקְן אוֹיף וַוייטֶע פְלֶעצֶער מִיט ווִיכְטִיגֶע שְׁלִיחוּת'עֶר, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיין אֵיינְצִיג קִינְד שִׂמְחָה בַּיי מָרַת אָדְל ע"ה, דִי טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן דָארְט אִיז עֶר אוֹיפְגֶעוָואקְסְן.

ח

אֵיינְמָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן זַיין טָאכְטֶער אָדְל, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען דָארְטְן דֶעם אִינְגֶל שִׂמְחָה, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין טָאכְטֶער, "דָאס קִינְד גֶעפֶעלְט מִיר". אָדְל הָאט נָאךְ דֶעמָאלְט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיר טַאטֶע מֵיינְט מִיט דִי וֶוערְטֶער, זִי הָאט אָבֶער אַרַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין הַארְץ עֶס צוּ גֶעדֶענְקֶען.

ט

וֶוען דֶער אִינְגֶל שִׂמְחָה אִיז אַלְט גֶעוָוארְן צֶען יָאר, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעבְּלִיבְּן אִין הוֹיז פוּן מָרַת אָדְל.

י

נָאךְ בַּיים לֶעבְּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ"ל גֶעהַאט גְרוֹיס חֵשֶׁק צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט אָבֶער נִישְׁט מַסְכִּים, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז עֶר נִישְׁט גֶעפָארְן. יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט הָאט זִיךְ נָאכְאַמָאל עֶרְוֶועקְט בַּיי אִים אַ רָצוֹן אוּן הִשְׁתּוֹקְקוּת צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן יֶעדֶעס מָאל הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶעפְרֶעגְט רְשׁוּת פוּן זַיין רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אָבֶער עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען.

אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר מוּז שׁוֹין פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר אִיז נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיבֶּער דֶעם, הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ ווִילְסְטוּ אַזוֹי שְׁטַארְק פָארְן, דַאן פָאר, אָבֶער קוֹדֶם גֵיי אִין מִקְוֶה". עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה אוּן זִיךְ גֶע'טוֹבְלְ'ט אַסַאךְ טְבִילוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט אִים דַאן גֶעפְרֶעגְט, "וָואס הָאסְטוּ גֶעזֶען בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע טְבִילָה?", הָאט עֶר גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

"אוּן בַּיי דִי צְוֵוייטֶע טְבִילָה?" - "הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען יְרוּשָׁלַיִם".

"אוּן וָואס הָאסְטוּ גֶעזֶען בַּיי דִי דְרִיטֶע?" - "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם פְּלַאץ פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ".

"אוּן בַּיי דִי פֶערְטֶע?" - "הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דֶעם קָדְשֵׁי קָדָשִׁים, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזֶען דָארְט דֶעם אָרוֹן".

הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִים גֶעזָאגְט, "דֶער אָרוֹן אִיז אִין מֶעזִיבִּיזְשׁ"... הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז זַיין רֶבִּי ווִיל נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַז עֶר זָאל פָארְן, אוּן פוּן דַאן אָן הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶע'עֲקֶשְׁנְ'ט, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן בַּיי זַיין רֶבִּי'ן בִּיז צוּ זַיין הִסְתַּלְקוּת.

יא

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, פְלֶעגְט רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ"ל גֵיין אַסַאךְ צוּ זַיין הֵיילִיגְן צִיוּן,

<<<<<<

>>>>>>

לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ' דֶעמָאלְט הָאט דֶער מֶענְטְשׁ רֵיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן עֶר קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָבֶער אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי וַוייבּ, אִיז מֶען נִישְׁט אָפְּגֶעהִיטְן, דַאן קֶען מֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד.

תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ וָואס פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, בַּיי זֵיי קוּמְט דִי וַוייבּ בֶּעפָאר דִי חֲבֵרִים, דִי וַוייבּ פַארְמָאגְט אַ חֲשִׁיבוּת אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין אָפְּהַאלְט פוּן זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, אַדְרַבָּה זֵיי הָאבְּן חִיזוּק פוּן שְׁטוּבּ צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן; אֲפִילוּ דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה נֶעמְט זִיךְ אוֹיף זֵיי, מֶען מַאכְט חוֹזֶק אוּן מֶען רוֹדְפְ'ט וְכוּ', וֶועט דִי וַוייבּ שְׁטֵיין מִיט אִיר מַאן אוּן אִים מְחַזֵק זַיין.

אוֹיבּ מֶען פָאלְגְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן אַ גַאנְץ יָאר וֶועט דִי וַוייבּ נִישְׁט לָאזְן פָארְן קַיין אוּמַאן, וַוייל כַּאן מָצָא בַּעַל חוֹב לִגְבּוֹת אֶת חוֹבוֹ, אָבֶער נִישְׁט וַוייל אוּמַאן בַּאדֶערְט אִיר. עֶס בַּאדֶערְט אִיר דֶעם מַאן'ס הִתְנַהֲגוּת פוּן אַ גַאנְץ יָאר, מְמֵילָא יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי נוֹשֵׂא פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן שְׁפִּירְט זִי אַז מֶען וֶועט אִיר פַארְשְׁטֵיין, 'הַיִתָּכֵן, מֶען פָארְט אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ יוֹם טוֹב וְכוּ'?' דָא שְׁפִּירְט זִי אַז יֶעדֶער וֶועט אִיר פַארְשְׁטֵיין, אִירֶע חַבֶר'טֶעס, מִשְׁפָּחָה וְכוּ', וַוייל לֵיידֶער בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט.

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, יֶעדֶער אֵיינֶער פָארְט צוּ זַיין רֶבִּי אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה, בַּיי אַלֶע חֲסִידוּת'ן פָארְט מֶען אַוֶועק אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה אוּן קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער דִי וֶועלְט, הִימְל אוּן עֶרְד, "הֲיִתָּכֵן מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי וַוייבּ אוּן מֶען פָארְט אוֹיף אוּמַאן!"

אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אַ גַאנְץ יָאר, זָאג אִיךְ דִיר צוּ, אַז נִישְׁט נָאר זִי וֶועט דִיר נִישְׁט מְעַכֵּב זַיין פוּן פָארְן, נָאר זִי וֶועט דִיר גָאר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, זִי וֶועט דִיר קוֹיפְן אַ טִיקֶעט אוּן דִיר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**
**אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

אוּן עֶר פְלֶעגְט פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט וִויסְן. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזַא הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן, אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט רֶעדְן מִיטְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אַזוֹי וִוי מְ'רֶעדְט צוּ אַ חָבֵר.

אוֹיךְ דֶעמָאלְט הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט אִים אָבֶער נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט. בִּיז אֵיין מָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צִיּוּן אוּן נָאכְאַמָאל גֶעפְרֶעגְט וֶועגְן דֶעם, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע דֶעמָאלְט אִים גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת אוּן מַסְכִּים גֶעוֶוען אַז יֶעצְט קֶען עֶר שׁוֹין פָארְן.

עֶר אִיז גְלַייךְ אַרָאפּ פוּן צִיּוּן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעזָאגְט, "אִיךְ פָאר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!". אוּן דַאן הָאט עֶר זִיךְ טַאקֶע גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר שׁוֹין דָארְט גֶעבְּלִיבְּן בִּיז צוּ זַיין פְּטִירָה, אוּן עֶר לִיגְט טַאקֶע דָארְט אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָה.

יב

וֶוען דֶער אִינְגַל שִׂמְחָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין בַּר מִצְוָה, אוּן אוֹיךְ אִיר טָאכְטֶער פֵּיגָא אִיז גֶעוָוארְן אִין דִי יָארְן, הָאט זִיךְ דִי צַדֶיקֶת מָרַת אָדְל זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין אִיר טַאטֶע'ס וֶוערְטֶער, "דָאס קִינְד גֶעפֶעלְט מִיר", אוּן זִי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיר הֵיילִיגֶער טַאטֶע הָאט זִיכֶער גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן מִיט דֶעם אַז זִי זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט דֶעם קִינְד, אוּן אַזוֹי אִיז דֶער שִׁידוּךְ טַאקֶע גֶעשְׁלָאסְן גֶעוָוארְן, אוּן זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת.

יג

נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. דִי צַדֶיקֶת מָרַת פֵּיגָא פְלֶעגְט אַסַאךְ גֵיין צוּם צִיּוּן פוּן אִיר הֵיילִיגְן זֵיידְן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע מִתְפַּלֵל צוּ זַיין אוּן אַיינְרַייסְן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, אוּן דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז זִי הָאט גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד, אוּן זִי הָאט אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן יִשְׂרָאֵל, נָאכְ'ן גְרוֹיסְן זֵיידְן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה


# אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן
עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; באסעס
פון קיוב קיין אומאן און צוריק; און נאך
~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~

אייער פריינד
אלי קנאלל

Plan it Rite

718-506-4341 Travel the right way


# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## הערליכע סיום הש"ס אין קעמפ

גאר א שיינע סיום הש"ס איז פארגעקומען די וואך זונטאג אין קעמפ, ווען מו"ה שבתי מזרחי הי"ו האט זוכה געווען מסיים צו זיין גאנץ ש"ס. עס זענען זיך צוזאמגעקומען פילע קרובים וידידים און די תושבי המחנה זיך מיטצופרייען בשמחת התורה. א רייכע סעודה איז סערווירט געווארן, און מ'האט געזינגען אינאיינעם שיינע ניגונים.

צו ערשט האט דער בעל שמחה מו"ה שבתי הי"ו אויפגעטרעטן, און געדאנקט דעם אויבערשטן אז ער האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס, דערנאך האבן גערעדט עטליכע ידידים און באגריסט ר' שבתי'ן וואס געבט זיך אזויפיל אוועק פאר'ן ראש ישיבה און פאר די הייליגע מוסדות, און בפרט פאר'ן קעמפ וואס ער האט גענומען אויף זיך צוצושטעלן יעדעס יאר פאר די ישיבה. די רעדנער האבן ארויסגעברענגט די ספעציעלקייט פון דעם סיום הש"ס, עס רעדט זיך נישט פון א בחור אין ישיבה וואס האט די וועלטס צייט און קען לערנען וויפיל ער וויל, און אפילו דאן איז עס אויך א חידוש ווען א בחור איז זוכה צו ענדיגן גאנץ ש"ס, ווען עס רעדט זיך אבער פון א איד וואס איז טרוד א גאנצן טאג על המחיה ועל הכלכלה, איז דאס גאר ספעציעל, אז ער איז זוכה אראפ צו גנב'ן יעדן טאג אביסל צייט פאר די הייליגע תורה, און ער איז זוכה צו ענדיגן גאנץ ש"ס.

דערנאך האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויסגעברענגט די חשיבות פון א אינגערמאן וואס איז זוכה צו ענדיגן ש"ס. ווען עס קומט דער לעצטער טאג פון א מענטש, בלייבט דעמאלט גארנישט איבער פון אים, נאר דאס ביסל תורה ומצות וואס ער האט זוכה געווען ארייצוכאפן אויף דער וועלט.

די באטייליגטע ביים סיום האבן געשפירט א געוואלדיגע התעוררות אויך זיך צו נעמען צו די הייליגע תורה, צו לערנען ווי מער און מאכן נאך סיומים.

**אורה זו תורה!**

***

## בחורי הישיבה פארן ארויס צום ציון הקדוש
## פון רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל ביומא דהילולא

די וואך דינסטאג זענען די בחורים ארויסגעפארן פון קעמפ צום ציון הקדוש אין קרית יואל זיך אויסצובעטן אלעס גוטס אין טאג פונעם יארצייט רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל.

אזוי ווי עס איז שוין איינגעפירט אלע יארן, פארן די בחורים ארויס אינאיינעם יעדעס יאר צו די יארצייט, אויסצונוצן דעם גרויסן טאג און זיך אויסבעטן בדבר ישועה ורחמים ביים ציון הק'. דאס איז אויסער עטליכע מאל במשך די יאר וואס די גאנצע ישיבה כאפט זיך אריבער אינאיינעם זיך אויסצובעטן ביים ציון הק' אין יעדע דערהויבענע געלעגנהייט.

נאכ'ן זיך אויסבעטן ביים ציון הקדוש זענען די בחורים זיך צוזאמגעקומען אין בית המדרש היכל הקודש אין קרית יואל וואו עס איז פארגעקומען א סעודת הילולא. ביי די סעודה האט אויפגעטרעטן הר"ר יואל פארקאש שליט"א וואס האט ארומגערעדט שיינע ענינים פונעם בעל הילולא. צווישן אנדערע האט ער דערציילט אז ווען מוהרא"ש איז געקומען אמאל צו א הכנסת ספר תורה וואס איז אריינגעגעבן געווארן דארט אין בית המדרש, בהשתתפות הגה"צ דומ"ץ קרית יואל שליט"א בעל אגלי דבש, האט מוהרא"ש געזאגט דעמאלט אז רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל האט זיכער א נחת רוח אז אין זיין שטעטל וואס ער האט געבויעט מיט בלוט און שוייס, געפונט זיך א הייליגע ברסלב'ע שול, וואו אידן דינען דעם אייבערשטן מיט די חיזוק און לימודים פון הייליגן רבי'ן, און גלייכצייטיג רירט מען זיך נישט אוועק פון די הייליגע מסורה וואס ער האט געלערנט אלע יארן.

מוהרא"ש פלעגט אסאך נאכזאגן וואס ער האט אליין מיטגעלעבט און געהערט פון רבי'ן פון די יארן ווען ער האט זוכה געווען זיך אסאך צו דרייען ביי אים, צוצוקוקן צו זיין עבודת הקודש, און צו הערן זיינע הייליגע תורות. און מוהרא"ש פלעגט זיך אויך כסדר אריבערכאפן קיין קרית יואל זיך אויסצובעטן ביים ציון הק'.

די בחורים האבן זיך צוריק געקערט אין קעמפ מיט א רואיגע געוויסן, נאכ'ן אויס'פועל'ן אלעס גוטס ביים הייליגן ציון.

**תורתו מגן לנו, הוא מאירת עינינו!**

***

## מען ציט ארויף נאך א שטאק אויפ'ן נייעם בנין אין אומאן

אזוי ווי אלע בעטן אינעם בנין אין אומאן זענען שוין ארויסגעדינגען געווארן אויף ראש השנה, און דער פארלאנג איז נאכאלץ גאר גרויס פון פילע אידן וועלכע ווילן מיטצוהאלטן דעם יום טוב אין אומאן אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, איז באשלאסן געווארן ארויפצוציען נאך א שטאק פון שלאף צימערן, צו זיין גרייט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אויף דעם ראש השנה.

דער נייער אינטערנעמונג ציעט אריין אין פרישע הונדערט טויזנט דאלער חובות, און דער ראש ישיבה שליט"א האט ווידער אפעלירט צו יעדן איינעם מ'זאל צולייגן א פלייצע און ארויסהעלפן פארענדיגן דער בנין בכי טוב, א פלאץ וואו אזויפיל אידן וועלן אויסנוצן דעם ראש השנה אויפ'ן שענסטן פארנעם.

עס איז צום האפן אז אידישע קינדער וועלן זיך אנשטרענגען יותר מכפי יכולתם צושטייער צו געבן פאר דעם הייליגן פלאץ.

**בורא עולם בקנין השלם זה הבנין!**


# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה **נחמן ישראל יאקאבאוויטש** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך
אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט,
דורות ישרים ומבורכים

# הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** < 212-444-9191 /
845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



**הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן**